בעזהשי"ת

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

שְׁמוֹת

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

"ס'אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן מִיר שׁוֹין דִי וָואךְ סֵדֶר בְּרֵאשִׁית אוּן מֶען גֵייט אוֹיסְשְׁרַייעֶן: "חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק"; ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נָארְן אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אַזוֹי אַז בִּיז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט עֶר דִי גַאנְצֶע פָּרָשָׁה.

גֶעבּ אַ קוּק וִוי אַזוֹי דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן: "וַיְחִי יַעֲקֹב" - יַעֲקֹב הָאט גֶעלֶעבְּט; זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ פְּשַׁט, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אִיז שְׁטֶענְדִיגֶע גֶעוֶוען פְרִישׁ אוּן לֶעבֶּעדִיג טְרָאץ אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת - צָרַת עֵשָׂו, צָרַת לָבָן, צָרַת רָחֵל, צָרַת דִינָה אוּן צָרַת יוֹסֵף, מִיט אַלֶע זַיינֶע מִיטְמַאכֶענִישְׁן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִיד אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

אַז דוּ ווִילְסְט טַאקֶע אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר; אֱמֶת טַאקֶע דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער וְכוּ' אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי עֶס וֶוערְט נָאר עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, אָבֶּער עֶס אִיז דָאךְ דָא זַאכְן וָואס גֵייט דִיר יָא גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס אוּן עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן פַאר דָאס גוּטְס וָואס עֶר גִיבְּט דִיר.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַאכְן וָואס בַּאדֶערְן דִיר; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן, אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן אוּן דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶר וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר אוּן טוּט דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ (תְּהִלִּים קמה, ט): "טוֹב ה' לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", אַז דוּ וֶועסְט וֶועלְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט דִיר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ פִירְן וִוי אַזוֹי דוּ ווִילְסְט.

מָארְגְן נאכְט װעט אִם יִרְצֶה ה׳ פָּארְקוּמֶען דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פַּאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; גֶעבּ אַ קוּק וָואס פַּאר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט, מֶען הָאט אִים גֶע׳רוֹדְפְ׳ט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן - אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען אִים גֶע׳רוֹדְפְ׳ט! אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט צָרוֹת מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם פְּלֶעגְט עֶר אַלְץ זָאגְן: "עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים", עֶר הָאט נָאר גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר גֶעזוּכְט צוּ מְחַזֵק זַיין נָאךְ אַ אִיד.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין אַ לַחַץ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגֶא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִים אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ מְסַיֵם גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל ׳סֵפֶר תְּהִלִים׳; דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוּוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים וָואלְט מֶען שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תְּהִלִים".

בְּנוֹגֵעַ אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט אַן עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵל׳ן יְשׁוּעוֹת גֵייסְטוּ אַרַיין אִין אַ לַחַץ פוּן וֶועלְן אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וְכוּ׳; אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּרֶעשְׁוּר פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וְטוּב לֵבָב.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "וִוי מֶען טוּט, טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְץ חַס וְשָׁלוֹם"; אוּן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל דַאוְוענֶען וָתִיקִין, אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַ בֵּייזֶער לַמְדָן"; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז דַאוְוענֶען וָתִיקִין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער אוֹיבּ דָאס אִיז גוֹרֵם לַחַץ אוּן פְּרֶעשְׁוּר, מֶען וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ וְכוּ׳ אִיז דָאס נִישְׁט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.
~~~~~~~~~~~

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ גֵיין אִין אַ לַחַץ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג; אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ טוּ אוּן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ. הֶעלְף מִיר טַאטֶע זִיסֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ שֵׁיינֶע צַייט וִוי לְמָשָׁל אַ יוֹם טוֹב זָאל אִיךְ נִישְׁט וֶוערְן בְּלַחַץ פוּן וֶועלְן אַרַיין כַאפְּן וִוי מֶער; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אָן קַיין פְּרֶעשׁוּר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע פְּרֶעשׁוּר אוּן לַחַץ.

אַז דַיין נָאמֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ גִּימֶ"ל אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אַ לַמֶ"ד אִיז גוּט צוּ זָאגְן בַּיים סוֹף פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פַאר יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְגוֹ' - דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מז, ד): "גֹּאֲלֵנוּ ה' צְבָאוֹת שְׁמוֹ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

...

~~~~~~~~~~

פַארְגִין פַאר דַיין וַוייבּ אַפָּאר דָאלֶלער - לְכָל הַפָּחוֹת וִויפִיל דוּ פַארְגִינְסְט פַאר דִיר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל א' פָּרָשַׁת וַיְחִי, אור לט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַפָּאר דָאלֶלער וַוייל עֶס אִיז אִיר קַאלְט אַהֵיים צוּ וָואקְן אוּן זִי וִויל גֵיין מִיט אַ קַאר סֶערְוִויס, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי קַארְג אוּן אִיר נִישְׁט פַארְגִינֶען אַפָּאר דָאלֶלער פַאר דֶעם? וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן קוּקְסְטוּ נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, דוּ קוֹיפְסְט שַׁאכְטֶלֶעךְ צִיגֶרֶעטְלֶעךְ אוּן קַאוֶוע'ס וְכוּ' וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַלְקָאהָאל פַאר שַׁבָּת וָואס קָאסְט דִיר אָפְּ אַ וָואךְ שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער; בַּיי דֶעם טְרַאכְסְטוּ נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, דֶעמָאלְט פַארְוָואס וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַפָּאר דָאלֶלער מַאכְסְטוּ אַ גַאנְצֶע עֵסֶק?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין פד:): "לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נוּצְן זַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן זַיין עֶסְן פַאר וֶוייניגֶער גֶעלְט וִויפִיל עֶר הָאט, "וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אוּן קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ זָאל עֶר קוֹיפְן פַאר וִויפִיל עֶר הָאט, "וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ", אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זָאל עֶר אוֹיסְגֶעבְּן מֶער גֶעלְט וִויפִיל עֶר הָאט; אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס
~~~~~~~~~~

פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים קיב, ה): "טוֹב אִישׁ חוֹנֵן וּמַלְוֶה, יְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט".

אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; גְלֵייבּ מִיר אַז אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, מֶער וִוי אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים - וִוי אַזוֹי דוּ רוּפְסְט עֶס - מֵיינֶען דַיין גוּטְס. נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן גֶעבּ גֶעלְט פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל הָאבְּן פוּן וָואס צוּ לֶעבְּן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ שְׁפָּארְן בַּיי דַיינֶע זַאכְן.

לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אוּן זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר פָּשׁוּטֶ'ע דִיבּוּרִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז מָארְגְן גֵיי אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ"; דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט נַאכְט גֶעפַאלְט דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי סְ'אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אַיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג", אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה'; אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִרְחָא'" (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט דֶעם מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט הָאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

וֶוען עֶס קוּמְט דֶעם טָאג פוּן רֶבִּי נָתָן'ס יָארְצַייט דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן עוֹסֵק צוּ זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. מִיר דַארְפְן זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'; אַז אֵיינֶער קֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אַז אֵיינֶער קֶען קוּמֶען הֶעלְפְן דְרוּקְן - זָאל עֶר קוּמֶען דְרוּקְן, אַז אֵיינֶער קֶען גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי סְפָרִים וְכוּ' זָאל
~~~~~~~~~~~

דֶער דָאס טוּן; יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן אַמָאל גֶעצִימְבְּלְט רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט דִיר פַּסְקְ'נֶען גֵיהִנוֹם?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶועל אִיךְ זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז אוּן יֶעדֶעם אַהִין שִׁיקְן"; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט מִיט זִיךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא - נָאר פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן. דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא טָאג, אַז מִיר וֶועלְן אוֹיךְ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל וִויסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַיין טָאג מִיט דֶעם מַחְשָׁבָה: 'וָואס קֶען אִיךְ 'הַיינְט' טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד?'**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, צוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר.**

הַיינְט גֶעפַאלְט דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מוֹהַרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז יֶעדֶעס יָאר בַּיי דִי יָארְצַייט מְעוֹרֵר זַיין אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת". מוֹהַרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר "שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ" הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בָּזֶה הַלָשׁוֹן: "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז אַ 'כָּל בּוֹ', וַוייל עֶס עֶנְטְהַאלְט חוֹמֶר פוּן אַלֶע עִנְיָנִים - הֲלָכָה, מוּסָר, קַבָּלָה, וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מַיין סֵפֶר לִקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז דֶער 'גַן עֵדֶן' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחוּזָק, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן.

מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הִתְחַזְקוּת מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה פוּן דְרַייסִיג חֳדָשִׁים וָואס מוֹהַרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵּם גֶעוֶוען יֶעדְן חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פוּן דֶעם הָאט מוֹהַרָא"ש אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם תַּמְצִית אוּן
~~~~~~~~~~

גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּנֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם: "מַיינֶע בְּרִיוְון אוּן סְפָרִים אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן פוּן רֶבִּי נָתָן'ס וֶוערְטֶער. דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן; דָאס וֶועט דִיר שְׁלֶעפְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְכוּ' אוּן עֶס וֶועט דִיר דֶערְמַאנֶען אוּן אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת; עֶס בְּרֶענְט אַ פַייעֶר וָואס מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט יֶעדֶע רֶגַע, בַּחוּרִים גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי ווִילְן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיס הֶערְן, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט צוּ זֵיי אַ שְׁפְּרַאךְ, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק. דֶערְפַאר מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט הַפָּצָה אוּן מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן אַ "בֵּית הַדְּפוּס" אִין יְשִׁיבָה וואוּ מֶען דְרוּקְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אַ גַאנְצְן טָאג אָן אַ אוֹיפְהֶער; וֶוען מוֹהֲרַא"ש אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין "בֵּית הַדְּפוּס" הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רֶבִּי נָתָן וָואלְט זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט אַזַא 'בֵּית הַדְּפוּס'"; אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה וְכַדּוֹמֶה וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט אַנְטֵייל גֶענוּמֶען הָאט עֶר נָאר גֶעוָואלְט זֶען דֶעם "בֵּית הַדְּפוּס"; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרַא"שְ'ס גַאנְצֶע חַיּוּת: דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פַאר אַלֶעמֶען!

אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע וֶועזְן זָאל זַיין אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין שָׁכֵן זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען?' יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַיין טָאג מִיט דֶעם מַחְשָׁבָה: 'וָואס קֶען אִיךְ 'הַיינְט' טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד?' טְרָאג שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר סְפָרִים, סִידּוּ'ס,

קַארְטֶלֶעךְ, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וְכַדוֹמֶה אַז וֶוען דוּ טְרֶעפְּסְט אַ צְוֵויטְן אִיד זָאלְסְטוּ אִים קֶענֶען מְחַיֶ׳ זַיין.

הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים, וַוייל הַיינְט זֶעט שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף - אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הַצָלָה פַארְן דוֹר אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ מִיט סְמַארְט-פָאוּנְס אוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת בִּיז זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת בְּפוֹעֵל, אוּן אַלֶע חֲכָמִים שְׁטֵייעֶן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט אוֹבְדֵי עֵצוֹת, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אוּן נָאר דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, נָאר דִי עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מְנַדֵב זַיין דִי סְעוּדָה פַאר דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, י׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מְנַדֵב זַיין דִי סְעוּדָה פַאר דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; אִין דֶעם זְכוּת זָאל דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן הַצְלָחָה אוּן בְּרָכָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעפִיל פַאר יֶעדְן אִיד. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעוואוֹינְט אַ מַשְׂכִּיל אַ מְחַלֵל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא רַחְמָנָא לִצְלָן וֶועלְכֶער פְלֶעגְט שְׁרַייבְּן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אֵיין מָאל הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת אַרַיין צוּ גֵיין צוּ רֶבִּי נָתָן צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִינֶעם בְּרֶסְלְבֶ׳ן שְׁטִיבְּל בִּשְׁעַת זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען פַארְשְׁמִירְט מִיט טִינְט פוּן שְׁרַייבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים גֶעזֶען הָאט מֶען אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיס טְרָאגְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״נִישְׁט אוּמְזִיסְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז, מִן הַסְתָּם גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ׳״; לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ צוּ רֶבִּי נָתָן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף אִים: ״אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּארִימֶען מִיט אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט״.
~~~~~~~~~~

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעהַאט פְּלַאץ בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ פַאר יֶעדְן אִיד; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר רַחְמָנוּת; מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן אִיד, זָאל עֶר זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין".

אַמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, ווייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? ווייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? ווייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? ווייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? ווייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? ווייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר ווייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

נָאכַאמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מְנַדֵּב זַיין דִי סְעוּדָה.

...

~~~~~~~~~~~

## נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, צוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "יֶעדֶע פַארְוָואס - אִיז נָאךְ אַ קְלִיפָּה", אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עט, י): "'לָמָּה' - יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם", אַ גוֹי זָאגְט "לָמָּה?" ווידֶערְאוּם אַ אִיד זָאגְט: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן".

מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּנְז טוּן אָן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹנוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן ער זָאגְט אוּנְז צוּ אַז אוֹיבּ מִיר וֶועלְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם ווֶעלְן מִיר הָאבְּן נַחַת. מִמֵּילָא קֶען מֶען נִישְׁט פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת 'פַארְוָואס בַּיי דֶעם מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלַן, מִיט דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן
~~~~~~~~~~~

הָאבְּן גֶעטוּן אַלֶעס פַאר זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם?' און אַזֶעלְכֶע אִינְצִידֶענְטְן טָארְן נִישְׁט שְׁוַואךְ מַאכְן דִי אֱמוּנָה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים.

אִיךְ הָאבּ פַארְצֵיילְט בַּיי דִי פָּארִיגֶע פְּרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהַרְאָ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז אַ פְּרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת און דִי צַעַר גִידוּל בָּנִים וָואס זִי גֵייט אַדוּרְךְ; הָאט אִיר דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי?" דִי פְּרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה און מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט נִישְׁט אָפּ קֵיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "דֶעמָאלְט וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה פוּן בַּיינַאכְט אוֹיף דִי הֶענְט און וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, דֶערִיבֶּער אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן. וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיינְס הָאט זִיךְ גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" מִיר הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט אַלְץ אַ חִיזוּק פַאר דִי פְּרוּיעֶן זֵיי זָאל זַיין נִזְהָר אִין מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין, און אִינְדֶערְפְרִי זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

אוֹיף דֶעם אַרוֹיף שְׁרַייבְּט אִיר אַז אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן נָאךְ דִי דְרָשָׁה, אִיר זֶענְט אַהֵיים נָאךְ דִי דְרָשָׁה און גֶעוֵויינְט בְּכִיוֹת עֲצוּמוֹת אוֹיף אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, הַלְמַאי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעטוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן יָא אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער וְכוּ' און לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לְתַּרְבּוּת רָעָה.

אִיז קוֹדֶם כָּל, קוּקְט אַייךְ אָן; ווִי אַזוֹי הָאבְּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַזַא קִינְד ווִי אַייךְ, וָואס אִיר לֶעבְּט מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה און אִיר גֵייט אַזוֹי בִּצְנִיעוּת וְכוּ' וְכוּ'? צְוֵייטְנְס, מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס מִיר הָאבְּן צוּ טוּן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן וָואס אִיז גוּט אִין זַיינֶע אוֹיגְן.

דְרִיטְנְס בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר: שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה. לָאזְט אַייךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל אַלֶעס טוּן אַייךְ צוּצוּנֶעמֶען אֵייעֶר מִשְׁפָּחָה - הָיָה לֹא תִּהְיֶה!

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַ וָוארְט פוּן רֶבִּי נָתָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ ווֵייס שׁוֹין אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּקִים ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְן יֵצֶר הָרָע קוּמְט עֶר צוּ מִיר מִיט גָאר

אַ נַייעֶ וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן"; דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע - מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג.

גְרֵייטְ'ס אָן נֶעגְל וַואסֶער פַאר אַלֶע קִינְדֶער יֶעדֶע נַאכְט בְּשִׂמְחָה רַבָּה, אוּן זַייטְ'ס מְדַקְדֵק אִין אַלֶע הֲלָכוֹת אוּן אִין מִנְהָגִים, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ הַארְץ אוּן דוּ ווִילְסְט שוֹין הַיינְט טוּן נָאר גוּטְס. דָאס אִיז גֶענוֹי וָואס פַּאסִירְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דֶער "לֵב הָאֶבֶן" אוּן פְלַאנְצְט אִים אַיין אַנְשְׁטָאט דֶעם אַ "לֵב בָּשָׂר" אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כו): "וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב חָדָשׁ וְרוּחַ חֲדָשָׁה אֶתֵּן בְּקִרְבְּכֶם, וַהֲסִרֹתִי אֶת 'לֵב הָאֶבֶן' מִבְּשַׂרְכֶם וְנָתַתִּי לָכֶם 'לֵב בָּשָׂר'"; לֵ"ב בָּשָׂ"ר אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת ווִי בְּרֶסְלֶ"ב (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלט).

שְׁטַארְק דִיר וַוייטֶער בְּלִימּוּד מִשְׁנַיוֹת אוּן פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנַיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אוּן מַאכְט דִי נְשָׁמָה רֵיין אוּן לוֹיטֶער, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מִשְׁנַיוֹת אַ כֹּחַ אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז שוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרִינְד אוּן עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי" אִיז מִשְׁנָה; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט שוֹין אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן פוּן דַיין דֶעפְּרֶעשְׁן אוּן דוּ שְׁטַארְקְסְט דִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ
~~~~~~~~~~~

אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹרִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט אַז אִיךְ דַארְף דִיר נִישְׁט אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אִיבֶּעְרִיג אִין יְשִׁיבָה; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאךְ אַ וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּנֶעם צַדִיק, עֶר טוּט דָאס מִיט יֶעדְן וָואס וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, וֶוען רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, ר' יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי'ן צוּ דֶערְגֵיין וָואס עֶס גֵייט פָּאר. נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרַיין גֵיין צוּם רֶבִּי'ן', דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס ר' יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, גְלַייךְ וֶוען ר' יוּדְל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מְקוּרָב וֶוערְן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר דֶעמָאלְט וֶוערְט פוּן 'שֶׁקֶר' - 'קֶשֶׁר'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אִים מְבַלְבֵּל צוּ זַיין מִיט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן כָּל מִינֵי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אַבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מַאכְן פוּן שֶׁקֶ"ר אַ קֶשֶׁ"ר שֶׁל קַיָּמָא נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**לָאז נִישְׁט דַיין נְשָׁמָה אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער!**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - לֵיל ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, אוֹר לי"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטֶעל דִיר פָאר וִוי הוּנְגֶערִיג דַיין נְשָׁמָה אִיז וֶוען דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה... גֶעבּ אַ קוּק וִוי דוּ הָאסְט גֶעשְׁפִּירְט הַיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן מִיר גֶעפַאסְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, אַ גַאנְצְן טָאג הָאבְּן מִיר נָאר גֶעוַוארְט אוֹיף אֵיין זַאךְ: 'וֶוען קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיסְפַאסְטְן?' דָאס אִיז וֶוען דֶער גוּף פַאסְט, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער טֶעג אוּן וָואכְן וָואס מֶען גֶעבְּט נִישְׁט צוּ עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁטַארְק דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר: נֶעם יֶעצְט אַ חוּמָּשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה; אֲפִילוּ מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִקְרָא בַּיינַאכְט, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט דָאס מִיט תַּרְגוּם אוּן רַשִׁ"י מֶעג מֶען דָאס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט. וַוארְט נִישְׁט אוֹיף פְרַייטָאג צוּ עֶנְדִיגְן דִי חוּמָּשׁ; גֶעדֶענְק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז (אָבוֹת ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", זָאג נִישְׁט: "וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט אוּן נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען", נָאר יֶעצְט כַאפּ אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ אַז עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה - אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שׁוֹין לִיגְן אִין אַ טִיפְן בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט אִים דִי תּוֹרָה רֵיין מַאכְן אוּן אָפְּוַואשְׁן.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא פָּרָה ד, ד): "רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר זַמֵּר בָּהּ תְּדִירָא - זַמֵּר", זָאגְן צַדִּיקִים אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשְׁנַיידְן; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַלְאֲכֵי חַבָּלָה וָואס מֶען הָאט בַּאשַאפְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת.

אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז מֶען זוֹכָה צוּ עֶנְדִיגְן אִין זִיבְּן יָאר גַאנְץ שַׁ"ס; מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען שַׁ"ס פַאר זִיבְּן יָאר צוּרִיק - זוּמֶער שְׁנַת תשע"ב, אוּן אִם יִרְצֶה ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר שַׁבַּת פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ זֶענֶען מִיר מְסַיֵּם גַאנְץ שַׁ"ס. מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען ""קְרַאוּן פְּלַאזֶע הָאטֶעל" פַאר שַׁבָּת פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ שְׁנַת תש"פ לִכְבוֹד

דֶעם סִיוּם, מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעדוּת פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים צוּזַאמֶען מִיטְן סִיוּם הַשַ"ס.

הַגַם אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶש' אִיז נִישְׁט שַׁיָיך צוּ מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען מַאכְט אַ סִיוּם; אַז מִיר וֶועלְן מַאכְן סִיוּמִים יֶעדֶעס מָאל וֶועט אוֹיסְקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ פְּרַאוֶוען סְעוּדוֹת, וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶרֶך הַלִימוּד' קוּמְט אוֹיס יֶעדֶע פָּאר טֶעג אַ סִיוּם... מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם הַשַ"ס, וַוייל אִיך וִויל אַרַיין בְּרֶענְגֶען בַּיי אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה דִי זַאך פוּן לִימוּד גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אַז דָאס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין) אַז: "לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג אִיז אַ חִיוּב אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג".

דֶעם שִׁיעוּר אִין גְמָרָא זָאלְסְטוּ זִיך קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב; דָאס וֶועט טוֹישְׁן דַיין שְׁטוּב לְטוֹב. וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט וֶועט זִי דִיר מְכַבֵּד זַיין, אַזוֹי אוֹיך וֶועלְן דִיר דַיינֶע קִינְדֶער נָאכְמַאכְן אוּן וֶועלְן לֶערְנֶען, וַוייל קִינְדֶער מַאכְן נָאך דִי עֶלְטֶערְן; אַז דֶער טַאטֶע לֶערְנְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען, אָבֶער אַז דֶער טַאטֶע שְׁפִּילְט זִיך מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיך טוּן דָאס זֶעלְבִּיגֶע.

אִיך הָאף אַז דוּ לֵיינְסְט דִי בְּרִיוָון וָואס אִיך שְׁרַייבּ דִיר.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~

### שְׂכַר לִימוּד דַארְף זַיין דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאך בַּיי עֶלְטֶערְן!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אַ מוֹסָד וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי פוּן קִינְדְהַייז אָן צוּ הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וִוי אוֹיך דִי זַאך פוּן תְּפִילָה, אַז יֶעדֶע זַאך וָואס זֵיי דַארְפְן זָאלְן זֵיי בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיך וַוארְט נָאך אַלְץ אוֹיף אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פוּן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ פַארְן מַאכְן גֶעהֶערִיג חֵדֶר אוּן סְקוּל דוּרְכְאוֹיס חֲנוּכָּה; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט חֵדֶר אוּן סְקוּל בְּמֶשֶׁך אַ גַאנְץ חֲנוּכָּה אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר, אַנְדֶערְשׁ וִוי אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת. הָאסְט אַוַדאי הֲנָאָה גֶעהַאט, אָבֶער אַ
~~~~~~~~~~

יְיַשֵׁר כֹּחַ הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען. אַזוֹי אוֹיךְ נֶעכְטְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת וֶוען אַלֶע מוֹסְדוֹת הָאבְּן אַהֵיים גֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער נָאךְ אַ הַאלְבֶּע טָאג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט סְקוּל אוּן חֵדֶר אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אַרַיין טְרַאכְטְן וָואס מִיר טוּן פַאר דִיר, אוּן אִין פַארְגְלַייךְ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טְרַאכְטְן וָואס דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

עֶס קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת אוּן אִיךְ דַארְף צָאלְן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זֵייעֶר מָאגֶערֶע גֶעהַאלְט זֵיי זָאלְן קֶענֶען שַׁבָּת מַאכְן; וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אַ מוֹסָד בְּשָׁעַת נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן 'שְׂכַר לִימוּד'?! וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וֶוען נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ וִויסְנְדִיג וֶוען מֶען רוּפְט זֵיי פוּן אָפִּיס, נָאר זֵיי לֵייגְן דִי מוֹסָד דִי לֶעצְטֶע אוֹיף זֵייעֶר לִיסְט וואוּ צוּ לֵייגְן דָאס גֶעלְט?! פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף שְׂכַר לִימוּד וִוי דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ, בִּפְרַט וֶוען חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב, וְהוֹצָאַת בָּנָיו לַתַּלְמוּד תּוֹרָה; שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָן וִויפִיל גֶעלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט הָאבְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, דָאס רֶעכְנְט אָבֶּער נִישְׁט אַרַיין דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ שְׁפֶּענְדְט בַּיים אַיינְקוֹיפְן לִכְבוֹד שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוּן דִי גֶעלְט וָואס מֶען צָאלְט פַאר שְׂכַר לִימוּד - וָואס אוֹיבּ מֶען פַארְמִינֶערְט, פַארְמִינֶערְט מֶען אִים, אוּן אוֹיבּ עֶר פַארְמֶערְט, פַארְמֶערְט מֶען אִים פוּן הִימְל צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אַ גוּטְן טָאג.

...

~~~~~~~~~~~

**פַארְגֶעסְן פוּן דִי וֶוייטָאגְן צְווִישְׁן מַאן אוּן ווייבּ אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג צוּ לֶעבְּן מִיט אַ הִתְחַדְּשׁוּת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, אוֹר לי"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, הֶער אוֹיף אִיבֶּערְקֵייעֶן אַלְטֶע וֶוייטָאגְן אוּן דֶערְמִיט פָארְהַאלְטְן דַיין ווייבּ, הֶער אוֹיף אִיבֶּערְצוּזָאגְן פַאר דַיין ווייבּ אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת: "גֶעדֶענְקְסְט, הָאסְט מִיר דֶעמָאלְט וויי גֶעטוּן"; "גֶעדֶענְקְסְט, אַמָאל הָאסְטוּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס".

קוֹדֶם כָּל אִיז דָאס אַ לָאו אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא כה, יז): "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ", זָאגְן אוֹיךְ דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא
~~~~~~~~~~~

מְצִיעָא נח:): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַל יֹאמַר לוֹ "זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים" זָאג נִישְׁט פַּאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה: גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען דוּ הָאסְט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת? צְוֵוייטְנְס אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר: "הִתְחַדְּשׁוּת" - זִיךְ בַּאנַייעֶן; פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

גֵיי אַהֵיים וַוייל דַיין וַוייבּ וַוארְט אוֹיף דִיר. שְׁמוּעֶס מִיט אִיר, שְׁפִּיל מִיט אִיר אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר - דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם! לָאז דִיר אָפּ פוּן פַארְבְּרֶענְגֶען נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים. הֶער גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר: "מֶענְטְשְׁן קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ; אוּן דִי אַלֶע וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז זֵיי זֶענֶען דַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען דָא בְּלוֹיז ווִילַאנְג זֵיי קֶענֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִיר עֶפֶּעס פַּאר זִיךְ, דִי רֶגַע וָואס דַיין כְּמוֹ חָבֵר וֶועט זֶען אַז עֶר קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין נוּצְן פוּן דִיר וֶועט עֶר זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְּן".

אִיךְ דַארְף אַהֵיים גֵיין; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~~

**אַז מ'טְרַאכְט פוּנֶעם תַּכְלִית פַארְגֶעסְט מֶען פוּן דִי צָרוֹת; זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער אִיז עֲבוֹדַת ה'.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְּרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶערְמַאנְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם תַּכְלִית הַנִּצְחִית, אַז מִיר זָאלְן אַרַיין כַאפְּן אַבִּיסְל גוּטְס יֶעדְן טָאג, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז.

אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רֶבִּי וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט טֶעפְּלִיק; דַיינֶע חֲסִידִים פְלֶעגְן אַרַיין גֵיין צוּ אִים - יֶעדֶער מִיט זַיין צָרָה, דֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט צוּ טוּן מִיט'ן פָּרִיץ, אַן אַנְדֶערֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין חָבֵר אִיז אִים מְקַפֵּחַ דִי פַּרְנָסָה, אַ דְרִיטֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ גוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין אִים אוּן רוֹדְפְ'ט אִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר פְלֶעגְט שֶׁעלְטְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט זַיינֶע חֲסִידִים. וֶוען מֶען הָאט דָאס אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַּאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גִיוַואלְד! אַ גַאנְצֶע נַאכְט נָאר שֶׁעלְטְן? זָאל עֶר בֶּעסֶער רֶעדְן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן פוּן תַּכְלִית וֶועלְן זֵיי פַארְגֶעסְן אַלֶע צָרוֹת".
~~~~~~~~~~~

מְמֵילָא אִיז אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס דֶערְמַאנֶען אוּנְז נָאכְמָאל אוּן נָאכְמָאל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג מִיט דַיין טַלִית וּתְפִילִין אוּן זֵיי זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט מִצְוַת תְּפִילִין; בַּיי אוּנְז טַאנְצְט מֶען יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען מִיט מוּזִיק, וַוייל דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע חַיּוּת - אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה נָאךְ אַ טָאג אָנְצוּטוּן טַלִית וּתְפִילִין.

קוּק זִיךְ אוּם אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; זִינְג מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט אוּן זָאג מִיט זֵיי בְּרָכוֹת - דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "בַּיי מִיר אִיז חָשׁוּב מְחַנֵּךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, פְלֶעגְט עֶר וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען פוּן חֵדֶר, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז בַּיי אִים פוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן חֲצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

**לֵיל שִׁישִׁי אִיז גֶעמַאכְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב צוּגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פָּרָשַׁת וַיְחִי, אוֹר לְיּ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

לֵיל שִׁישִׁי אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים וְכוּ'; זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת.

שְׁטֶעל דִיר פָאר אַז אַ גַאסְט קוּמְט צוּ דִיר, וָואלְסְטוּ אַוַודַאי גֶערוֹימְט אוּן גֶערֵיינִיגְט דִי שְׁטוּב מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ זְרִיזוּת; אַזוֹי אוּן נָאךְ מֶער זָאלְסְטוּ אוֹיפְרוֹימֶען אוּן אָנְגְרֵייטְן מִכָּל טוּב וְטוּב פַאר אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער גַאסְט: "דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת". בִּפְרָט יֶעצְט וִוינְטֶער וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קוּרְצֶע עֶרֶב שַׁבָּת, זָאלְסְטוּ זַיין אַ חָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ אוּן שׁוֹין דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט אָנְגְרֵייטְן וָואס מֶען קֶען פַארְן גְרוֹיסְן טָאג שַׁבָּת.

בִּשְׁעַת דוּ גְרֵייטְסְט אָן דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זִינְגֶען: "לִכְבוֹד שַׁבָּת!" "עֶס קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת!" עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן רנ, סְעִיף קָטָן ב): אַז בִּשְׁעַת מֶען קוֹיפְט אַיין לִכְבוֹד
~~~~~~~~~~

שַׁבָּת זָאל מֶען אַרוֹיס זָאגְן מִיטְן מוֹיל דִי וֶוערְטֶער: "לְכָבוֹד שַׁבָּת", וַוייל וִוי מֶער מֶען זָאגְט אַז מֶען טוּט אַלֶעס לְכָבוֹד שַׁבָּת - אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע קְדוּשָּׁה קוּמְט אַרָאפּ.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל אַלְץ זַיין פוּן דִי נִרְדָּפִים"; זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן - בִּפְרַט דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ.

אִיךְ וֶועל דִיר אִם יִרְצֶה ה' שְׁרַייבְּן מָארְגְן מֶער בַּאֲרִיכוּת וָואס אִיךְ מֵיין, וַוייל אִיךְ מוּז יֶעצְט לוֹיפְן צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים וֶועלְכֶע וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזּוּק; בָּחוּרִים הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף אִיךְ זֵיי אַרַיין שַׁיינֶען אַז זֵיי הָאבְּן יָא אֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# ~~~ שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ~~~

**אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

לֵייבִּי

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד לֵייבִּי נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן פוּן זָאגְן תְּהִילִּים - אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן זָאגְן תְּהִילִּים, תְּחִינוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן ר׳ יוּדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן - אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב?״ וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִילִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, אַז עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הַארְץ? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: ״תֹּאמְרוּ לִי, אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב? הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה״, נָאר דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן קַיין שׁוּם טַעַם (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תמא).

עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה: ״צְרִיכִין לְהַרְגִּישׁ טַעַם בְּהַמִּצְוָה״, אַז מֶען דַארְף שְׁפִּירְן אַ טַעַם וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הִלְכוֹת תְּפִילִין אַז מֶען קֶען נָאר לֵייגְן תְּפִילִין וֶוען מֶען הָאט אַ גֶעפִיל. מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים - נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם דִיר גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז: ״אִידִישְׁקֵייט הָאט גָארְנִישְׁט מִיט גֶעפִילְן״; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבְּן פוּן אַ אִיד: צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט

תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת; גֵיין דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזוּק צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח): אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעהֶערְט אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל אַז עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, עֶר אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּ' זַיין, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא", אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא! "וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט, אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי־אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בַּכֹּל כַּנַּ"ל", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אִיד וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם שְׂכַר - נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מְ'קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּאר אַ צַייט צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט אַ שְׁאֵלָה וָואס צוּ טוּן מִיט מַיין זוּן וָואס הָאט אַ שָׁבֶן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט אוֹיף נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דִי תְּשׁוּבָה [די שאלה און תשובה איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו], אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּאר דֶעם, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, אוּן ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אוּן בִּכְלָל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק מִיר מִיט מַיין מַאן. מַיין מַאן ווִיל זִיךְ בַּאזוּנְדֶער בַּאדַאנְקֶען פַּאר דִי הֶערְלִיכֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן בַּיי אַייךְ אִין אוּמַאן, עֶר אִיז שׁוֹין צֶען יָאר אִין בְּרֶסְלַב, אוּן פַּארְט שׁוֹין צֶען יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע תְּפִלּוֹת מִיט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע פְרִישְׁקַייט אוּן מִיט עֶקְסְטֶערֶע כּוֹחוֹת.
~~~~~~~~~~

יֶעצְט ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה פוּן מַיין מַאן, פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, שׁוֹין יָארְן וָואס עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין וֶוערְטֶער. עֶר קֶען זִיצְן אַ שָׁעָה צַייט אָן רֶעדְן, אוּן זִינְגֶען קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, אוּן גֶעוְוענְלִיךְ שְׁלָאפְט עֶר אַיין צוּם סוֹף.

עֶר וֶוערט נִישְׁט מְיוּאָשׁ דֶערְפוּן, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן צוּ פְּרוּבִּירְן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי אַז עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּ פַארְשִׁידֶענֶע טֶערֶעפִּיסְטְן, צוּ זֵיי הָאט עֶר יָא גֶעקֶענְט רֶעדְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט צוּפִיל גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. עֶר ווִיל גֵיין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אָבֶּער נִישְׁט רֶעדְן צוּ אִים.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אוּנְז קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לַפְּרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דֶער עִיקֶר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאווֶענְט אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוְונְט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

מוֹהֲרַאַ"שׁ זָאגְט: מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען רֶעדְן צוּ זַיין חָבֵר לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן כָּל מִינֵי זַאכְן, עַל דָא וְעַל הָא, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אַרוֹיס צוּ זָאגְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; דָאס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט אִים נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט ווִי 'קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס' - דָאס מַאכְט עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן הָאבְּן פֵּייגְלֶעךְ אִין קָאפּ; עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נִישְׁט צוּהֶערְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת, וָואס דָאס קוּמְט פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", דִי עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט בְּרֶענְגֶען

אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם, וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת טֵיילְן אָפּ צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער; דָאס מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיטְן מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֱמוּנָה; מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן וְוִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ.

...

~~~~~~~~~~

## [די בריוו אויף וועלכע די אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

### א שכן האט אנגערירט מיין קינד אויף נישט צניעות'דיגע פלעצער, וואס טוט מען?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם כל מוז איך זיך באדאנקען פאר די הערליכע שיעורים און חיזוק, דאס איז ממש מיין לעבן, די לעבן ווערט גרינגער און שענער, און די קינדער זעען מער א פרייליכערע מאמע, און אזוי ווייטער טוישט דאס מיין גאנצן לעבן צום גוטן.

מיין פראגע איז אזוי, בערך א יאר צוריק האט איך אנגעהויבן הערן די שיעורים, און איך בין נתעורר געווארן איבער דעם ענין צו רעדן אפן צו די קינדער, זיי אנווארענען זיך אבטונג צו געבן פון קראנקע בחורים און מענטשן, און זייט דעמאלט רעד איך צו מיינע קינדער איבער דעם יעדע שטיק צייט, און אויך זאג איך זיי אז אויב האבן זיי א חשד אויף איינעם זאלן זיי קומען דערציילן.

איין טאג קומט צו מיר מיין זון - 9 יאר אלט - און דערציילט מיר אז לעצטע יאר האט אים א שכן - א אינגל פון 12 יאר - אנגערירט אויף נישט צניעות'דיגע פלעצער, און ער האט דעמאלט מורא געהאט צו דערציילן די מעשה און יעצט האט ער גענומען די שטארקייט צו קומען דערציילן. (שפעטער האט ער שוין נישט געוואלט איך זאל רעדן מיט אים וועגן די מעשה).

יעצט איז מיין שאלה וואס איך זאל טון מיט דאס קינד, אז ער זאל נישט געשעדיגט ווערן פון דעם, ער איז א וואויל אינגל און האט ליב צו לערנען, איך האב אים געזאגט ער זאל זאגן משניות, אבער מענטשן האבן מיר צוגערעדט אים צו שיקן צו א געוויסע סארט טערעפי וואס קען אינגאנצן ארויסנעמען פון אים דער פראבלעם, און מ'קען אויך זען אויב ס'איז שוין אריבער אינגאנצן אדער נישט, פון די שיעורים האב איך אבער פארשטאנען אז דאס איז נישט די עצה, איך בין אבער נישט רואיג וואס איך דארף צו טון.
~~~~~~~~~~

און נאך א שאלה איז וועגן דעם בחור דער פוגע וואס איז היינט שוין 13 יאר, און איז אריין צו א גוטע ישיבה און קוקט אויס א גוטער בחור, ווייסן מיר נישט אויב מיר זאלן דאס דערציילן פאר זיינע עלטערן, וואס וועלן זיי דען קענען טון? און וואס קענען מיר טון?

איך וועל זיך פרייען צו באקומען א קלארע ענטפער וואס מיר דארפן צו טון.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת בראשית, אסרו חג סוכות, כ״ד תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר ציט אויף אייערע קינדער מיט יראת שמים; איר געבט אכטונג אויף אייערע קינדער זיי זאלן האבן גוטע חברים און אז זיי זאלן זיך דערווייטערן פון שלעכטע חברים.

בנוגע די מעשה וואס אייער קינד פון 9 יאר אלט האט אייך דערציילט, אז א שכן - א קינד פון 12 יאר - האט אים אנגערירט אויף נישט צניעות׳דיגע פלעצער און איר ווילט וויסן וואס איר דארפט טון.

איר זאלט ווייטער רעדן צו אלע אייערע קינדער בכלליות פון זיך אכטונג געבן פון שלעכטע חברים, עס איז נישט גענוג אז מען זאגט ברמיזה: מען דארף האבן ׳גוטע חברים׳, און מען טאר זיך נישט חבר׳ן מיט ׳שלעכטע חברים׳, נאר מען דארף ארויס זאגן קלאר און דייטליך פאר די קינדער ווא מען טאר נישט לייגן די הענט און וואו מען טאר נישט קוקן וכו׳, און אויב א צווייטער - זאל זיין ווער זאל נאר זיין - וויל אים אנרירן זאל ער אנטלויפן פון יענעם און קומען דערציילן, אזוי וועלן זיי זיין ערליך און ריין.

רעדט׳ס נישט מער מיט אייער קינד פון די מעשה, עס איז גענוג אז ער האט עס אייך דערציילט, יעצט זאלט איר אים נאר הייבן. ער שעמט זיך פון דעם, עס איז נישט גוט איר זאלט דאס אים אויפברענגען, ער האט שוין תשובה געטון אויף דעם.

מען דארף אריין לייגן אין קינדער אז מען קען תשובה טון כדי זיי זאלן נישט ארום גיין מיט שלעכטע מחשבות אז דער אייבערשטער איז ברוגז אויף זיי, מען דארף זיי מחנך זיין זיי זאלן וויסן אז אפילו מען האט געטון אן עבירה קען מען תשובה טון און ווערן א גרויסע צדיק.

זייער גוט אז איר געוואוינט אים איין צו זאגן משניות, דאס וועט אים מאכן פאר א גרויסער צדיק, אבער געדענקט אז א קינד דארף אויך שפילן; ווען ער קומט אהיים פון חדר איז נישט גוט צופיל אים צו שטופן צו לערנען, א קינד דארף זיך אויסגעבן מיט שפילן, נאר שפעטער ווען ער ענדיגט שפילן בלייבט נאך צייט, דעמאלט איז גוט אים צו צוגעוואוינען צו לערנען אויפן סדר דרך הלימוד צו זאגן אסאך משניות.

איר קענט מעורר זיין די עלטערן פון דעם בחור זיי זאלן רעדן צו אים; די קינדער זענען נישט שולדיג, ווייל ליידער רעדט מען נישט צו זיי. עס קען זיין אז זיי וויסן אז זיי טוען נישט קיין איידעלע זאך אבער זיי וויסן נישט ווי גרויס די עבירה איז און וויפיל מען ליידט פון דעם שפעטער. איר דארפט נאר אכטונג געבן נישט צו מאכן א קריגעריי, ווייל זיי קענען נאך אויסדרייען די מעשה אויף אייך וד"ל.

עלטערן דארפן אסאך וויינען צום אייבערשטן פאר גוטע קינדער; בפרט א אידישע מאמע דארף ביי די שבת ליכט פארגיסן טרערן צום אייבערשטן אויף יעדע קינד באזונדער.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו בעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען צום אייבערשטן זי זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער"; דערפאר דארפן עלטערן אסאך בעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן זוכה זיין צו ערליכע און געזונטע קינדער.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים].

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן עֲבֵירוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ זֶע וִוי אִיר מַאכְט כְּסֵדֶר שֵׁיינֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ אִין דִי בְּרִיוו, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט אוֹיךְ מַאכְן פַאר מִיר אַ תְּפִלָּה אוֹיף אִידִישׁ.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר אִין קְדוּשָּׁה, אִיךְ פַאל אַסַאךְ דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלְץ אַז עֶר קֶען פַארְשְׁטֵיין אַ בָּחוּר וָואס פַאלְט דוּרְךְ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אִינְגֶערְמַאן, דֶער פַאקְט אִיז אָבֶּער בַּיי מִיר אַז וֶוען מְ'אִיז שׁוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט צוּ עֶפֶּעס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ

אָפְּצוּגְעוואוינֶען, און כָאטְשׁ וָואס אִיךְ לֶעב בָּ"ה שֵׁיין מִיט מַיין וַוייבּ, אָן קֵיין פְּרִישׁוּת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ מַיִם גְּנוּבִים יִמְתָּקוּ. און נָאכְדֶערְצוּ אַז דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי אָפְן הַיינְט, און וויפִיל מְ'זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים, קֶען מֶען אַלְץ טְרֶעפְן אַ וֶועג זִיךְ אָנְצוּטְרֶעפְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און דוּרְכְפַאלְן רַחְמָנָא לִיצְלַן.

אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו, אָבֶער נָאכְאַלְץ הַאלְט אִיךְ אֵיין פַּאלְן. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ מוּז מוֹדֶה זַיין אַז דָאס פַאלְן אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ, מְ'פְּרוּבִּירְט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, מְ'פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן, אָבֶער אִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַ וֶועג בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע אַז אִיךְ זָאל אַמָאל נָאךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיין שְׁמוּץ.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, אֶפְשֶׁר וֶועט דָאס מִיר הֶעלְפְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע... דִי עֲבֵירָה רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ און עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים דִי גַאנְצֶע שֵׂכֶל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו) אַז רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט פוּן חַטָאוֹת נְעוּרִים, פוּן מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָלָה און דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן. אָבֶער דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן א): "דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת קֶען מֶען נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין נָאר מִיט אַ שְׁטֶעקְן וָואס זֶעט אוֹיס וִוי אַ ו', דָאס מֵיינְט מֶען דִי תּוֹרָה"; אִיז מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי "ו' סִדְרֵי מִשְׁנָה", אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע פְלֶעקְן און צוּרִיק בַּאקוּמֶען דֶעם מֹחַ.**

**דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה דַארְף זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, בִּיז עֶר וֶועט קֶענֶען אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע פְלֶעקְן. מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה און עֶס נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אִיר אַלֶע רָאסְט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת אוֹת אַלֶ"ף, סוֹף עָנָף "אֵפוֹד") אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּנֶעם גֵיהִנוֹם און לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת.**

**ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל פַּרְנָסָ"ה. אַזוֹי אוֹיךְ בַּאטְרֶעפְט מִשְׁנָ"ה דִי זֶעלְבֶּע**

"נְשָׁמָה", ווייל װער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ נְשָׁמָה אוּן װעט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶס פְּלַאקֶערְט אִין דִיר ווייטֶער דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן צוּלִיב דַיין רְגִילוּת פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת. ווייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל אוֹיסְרֵייניגֶען דָאס שְׁלֶעכְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ ווִי לִימוּד מִשְׁנַיוֹת. װען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן װען גֶעוּוּסְט וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע גֶעפְלַייסְט אִין דֶעם.

מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (כִּי תֵצֵא רעז:): "מָארֵי מִשְׁנָה, דְּאִינּוּן מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מַמָּשׁ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת װערְן אַזוֹי רֵיין אוּן הֵיילִיג מַמָּשׁ ווִי מַלְאָכִים, "וּבְגִין דָא אוֹקְמוּהָ מָארֵי מַתְנִיתִין, עַל בַּר נָשׁ אִי יְהֵא כְּמַלְאַךְ יְיָ צְבָקוֹת תּוֹרָה יְבַקְשׁוּ מִפִּיהוּ, וְאִי לָאו לֹא יְבַקְשׁוּ תּוֹרָה מִפִּיהוּ", דִי אַלֶע וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת װערְן אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס בַּאדִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, ווייל חוּץ וָואס דִי בְּרֶענְגְסְט אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה װעסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן אַ שָׁאדְן אוֹיף דַיין גוּף, אַזוֹי ווִי עֶס װערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סָעִיף יד): ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו", װערְט עֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְעֶלְטֶערְט, "וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ", אוּן עֶר פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ "עֵינָיו כֵּהוֹת"", דִי אוֹיגְן װערְן אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, "וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", עֶס הֵייבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל; "וְשֵׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּן קָאפּ אוּן פוּן דִי אוֹיגְן בְּרֶעמֶען פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוֹיף אִים נָאךְ אַסַאךְ ווייטָאגְן.

יֶעדֶע אִיבֶּעריגֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דוּרְכְדֶעם װעסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

~~~~~~~~~~~

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַייעֶנְדִיג אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א
~~~~~~~~~~~

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט קֵיין וֶועג בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע אַז אִיךְ זָאל נָאךְ אַ כַּלָּה וֶוערְן, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער הֶעכֶער מִיר. יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַּאר דִי עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק [זע די בריוו ביים סוף פון דעם בריוו].

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען אָבֶּער דָא טֶעג וָואס אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ פַּארְלוֹירְן אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט. אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַּארְוָואס אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, אוּן אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן פַּארְלוֹירְן. אִיךְ קוּק אָן דִי וֶועלְט אַלְס גָאר אַ שְׁלֶעכְטֶע אוּן טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן עֶר דַארְף מִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן.

אִין אַזַא צַייט, וֶוען אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן קֵיין וָוארְט צוּ אִים. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז פוּן הִימְל פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - אַלֶעס וַוייל מֶען ווִיל זֶען פוּן הִימְל צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶר הָאט זַיין צָרָה, אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיפְגֶעבְּן אָדֶער מֶען וֶועט זִיךְ וֶוענְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָּמָה, ד.): יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס רוּפְט אוֹיס: "מָאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא"? וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן טוּנְקְל - לִיכְטִיג, "וְטַעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא עַד לָא יֵיתוֹן הָכָא" וֶוער פוּן אַייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן מַאכְן פוּן בִּיטֶער - זִיס; "מָאן מִנְכוֹן דִּמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ׳?" וֶוער וָוארְט יֶעדְן טָאג אַז עֶס זָאל לִיכְטִיג וֶוערְן - דֶער וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר מַאכְט פוּן זַיין בִּיטֶערֶע לֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן פוּן זַיין טוּנְקְלְקֵייט - לִיכְטִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִין דֶער בִּיטֶערְנִישׁ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אִיז אַ צַדִּיק אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא.**

**פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, אֱמֶת עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיר ווִילְט חֲתוּנָה הָאבְּן אָבֶּער אִיר הָאט נָאךְ פַּאר זִיךְ עֶטְלִיכֶע**

גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס דָאס מַאכְט אַייךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְט אִיר קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן; אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, אוּן וִוי מֶער אִיר וֶועט אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיפְן הַארְצְן אוּן עֶס וֶועט אַייךְ בֶּעסֶער וֶוערְן. אוּן אֵיינְמָאל אֵייעֶר הַארְץ וֶועט זַיין אָפְן וֶועט אִיר שׁוֹין קֶענֶען גוּט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת כִּלְאֵי בְּהֵמָה, הֲלָכָה ד, אוֹת ו): מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז וֶוען זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים ג): "מִזְמוֹר לְדָוִד: בְּבָרְחוֹ, מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם בְּנוֹ", אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען: "ה', מָה-רַבּוּ צָרָי", בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל צָרוֹת, "רַבִּים קָמִים עָלָי", אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן ווִילְן מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, "רַבִּים אֹמְרִים לְנַפְשִׁי: אֵין יְשׁוּעָתָה לּוֹ בֵאלֹקִים סֶלָה", אַלֶע זָאגְן מִיר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם תַּקָּנָה; לִכְאוֹרָה אִיז דָאס זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט - אָנְהֵייבְּן הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן מִיט אַ גֶעזַאנְג אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן וֵויינֶען? נָאר דִי הֶסְבֵּר אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ צָרָה אִיז עֶר אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל חוּץ פוּן דִי צָרָה אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ קוּמְט נָאךְ צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס חַס וְשָׁלוֹם, דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיווּ: "אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט רֶעדְן קַיין וָוארְט צוּ אִים"; - דָאס אַלֶעס אִיז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט דִי בִּיטֶערֶע צָרוֹת, דֶערְפַאר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִינֶעם צָרָה אֲפִילוּ אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, הָאט זִיךְ אִים זַיין הַארְץ גֶעעֶפְנְט אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן;

**אַזוֹי אִיז גֶעבּוֹיט רוֹב סֵפֶר תְּהִילִים, עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אַ גֶעזַאנְג אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם אַ גֶעבֶּעט.**

**אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן, הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֶעס גוּטְס. אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן לִיגְן אִין שְׁפִּיטָאל הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אוּן מִיר הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֶעלְן מַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ; אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אוֹיף מַיין זִיווּג. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אוּן מַיינֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער אַז מִיר זָאלְן אַלֶע טְרֶעפְן בְּקָרוֹב שִׁידוּכִים; אִיךְ פַארְלָאז מִיר נָאר אוֹיף דִיר!" אַזוֹי זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג טוּן, קוֹדֶם דַאנְקֶען בִּפְרָטִיּוֹת פַאר אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אַייךְ אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אֵייעֶר זִיווּג הָגוּן בְּקָרוֹב.**

...

~~~~~~~~~~

[דער בריוו אויף וועלכער דער אויבנדערמאנטע בריוו באציט זיך:

**בדרך הטבע זעט נישט אויס אז איך וועל נאך א כלה ווערן.**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א מיידל וואס ווארט אויף א שידוך, איך האב דריי געשוויסטער עלטער פון מיר, די עלטסטע איז שוין 27 יאר, און מיינע עלטערן ווילן נישט אויסלאזן די עלטערע און חתונה מאכן קודם די יונגערע, און איך ווייס נישט וואס צו טון.

איך בעט זייער אסאך דעם אייבערשטן, אבער עס רוקט זיך גארנישט. איך בין זייער צעבראכן פון מיין מצב, ווייל בדרך הטבע זעט מיר אויס אז איך וועל קיינמאל נישט חתונה האבן, אויב מיינע עלטערן ווילן נישט אויסלאזן די עלטערע. און ווען איך הויב טראכטן די מחשבות ווער איך זייער דעפרעסט.

איך וואלט געפארן קיין יבנאל אויסצוזאגן תהלים ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אז איך זאל געהאלפן ווערן, אבער מיין משפחה איז נישט ברסלב, און זיי זענען בכלל נישט צופרידן אז איך בין אנגעקומען קיין ברסלב.

ביטע געבט מיר אן עצה וואס צו טון, א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תולדות, כ"ז מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן
~~~~~~~~~~

... תחי'.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

כאטשיג בדרך הטבע זעט אייך נישט אויס אז איר וועט אמאל קענען חתונה האבן, זאלט איר וויסן אז עס איז דא א זאך וואס איז העכער פון 'טבע', דאס איז 'תפילה' וואס איז העכער פון די טבע. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תפילה איז משנה די טבע; עס איז נישט שייך צו זאגן: 'בדרך הטבע וועל איך קיינמאל נישט חתונה האבן' ווייל תפילה איז העכער פון די טבע. מיט תפילה וועט איר אויסבעטן פאר אייערע געשוויסטער און פאר אייך גוטע שידוכים.

די גאנצע זאך פון שידוכים איז א פארבארגענע זאך, דאס איז פארהוילן פון אלעמען און ליגט נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט; עס האט נישט צו טון צי די עלטערן ווילן יא צי נישט, עס האט נאר מיטן אייבערשטן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מיר געפונען אין די תורה און נביאים און אין כתובים אז א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן.

וועגן פארן קיין יבניאל; רעדט שיין צו אייערע עלטערן, זאגט זיי: "טייערע טאטע, טייערע מאמע, איך האב אסאך חיזוק פון ברסלב און איך וויל זייער שטארק פארן קיין יבניאל צו מוהרא"ש'ס ציון אויסבעטן א שידוך"; אז איר וועט רעדן שיין וועט איר פועל'ן.

נעמט אן דעם כלל אין אייער לעבן: יעדע זאך קען מען פועל'ן אויב מען רעדט שיין, הארציג און ווייך. אזוי ווי שלמה המלך זאגט (משלי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", דער וואס רעדט שיינע רייד נעמט אוועק כעס; אז מען רעדט שיינע ווערטער נאכאמאל און נאכאמאל, פועל'ט מען ביים סוף.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע פון אייך זאלן בקרוב טרעפן אייערע שידוכים].

### וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי חִיזּוּק יוֹמִי, ס'אִיז מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ דַארְף בַּאקוּמֶען בְּקָרוֹב אַ סוּמֶע גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאשְׁטִימְט צוּ פָּארְן דֶערְמִיט אוֹיף אַ נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דְרַיי מָאל אִין אוּמַאן, אוּן צְוַויי מָאל אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע קִבְרֵי צַדִּיקִים, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, בַּארְדִיטְשׁוּב, מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אוּן נָאךְ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל דָאס מָאל אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין נְסִיעָה קַיין אוּמַאן, זָאל אִיךְ זוּכְן דַוְקָא אַ נְסִיעָה וָואס בְּלַייבְּט אוֹיךְ אוֹיף שַׁבָּת אִין אוּמַאן? אוּן אֶפְשֶׁר לוֹינְט זִיךְ צוּ פָּארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער וָואס נֶעמְט אַרַיין אוֹיךְ צוּ פָאְרן צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִּיקִים, נִישְׁט נָאר צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס עֶס אִיז דֶער זְכוּת צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "הַגַם דֶער עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגוּל אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמו) **אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּן זָאגְן: 'עֶקְט מִיט מִיר דָא, אִיךְ וויל נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גִלְגוּל', מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ מֶען וֶועט מִיר גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט נָאכְאַמָאל צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן וֶועל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַבִּי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן** (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, סִימָן תרעה)**".**

**אַז אִיר הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף אַ שַׁבָּת אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז)**: "הַשַׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי הֵם גְדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", אַז מֶען קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת אִיז דָאס גְרֶעסֶער אוּן בֶּעסֶער פוּן פַאסְטְן זִיבְּן מָאל מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת; דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן הַיינְטִיגֶע צַייטְן - סַיי וֶוען מֶען אִיז אִין אוּמַאן אוֹיף שַׁבָּת אוּן סַיי וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אוּן מְחַיֶ' מִיט דִי וֶוערְטֶער אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

## אִיךְ הַאלְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ פַאל דוּרְךְ, וָואס מֵיינְט דָאס?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וִויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע דְּרָשׁוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אוֹיף אַלֶעס.

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַזְּמַנִּים, הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס "הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ בָּ"ה קֵיין אֵיין מָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית.

אָבֶער סְ'אִיז יָא גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל זַייט דֶעמָאלְט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיךְ אוּם יוֹם כִּיפּוּר, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וָואס דָאס קוּמְט. אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן? וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, י"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין מִקְרֶה לַיְלָה קוּמְט פוּן אַרוּם גֵיין שְׁטֶענְדִיג דֶערְבִּיטֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אָפְּהִיטְן פוּן 'פְּגַם הַבְּרִית', וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן קוּמְט נָאר פוּן עַצְבוּת, דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ אוּן דֶעפְּרֶעסִיעֶ, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דִי קְלִיפָּה (לִילִי"ת דִי נוּקְבָא פוּנֶעם ס"מ) וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן מִיט דִי עֲבֵירָה וֶוערְט אַזוֹי אָנְגֶערוּפְן, וַוייל דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן יְלָלָה - 'וֵויינֶען'.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט: "וָואס מָאנְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן מִיר?" זָאג אִיךְ דִיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מָאנְט נָאר אֵיין זַאךְ פוּן דִיר: "דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ", בִּפְרַט בְּשַׁעַת דוּ טוּסְט אַ מִצְוָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וַוייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז זַיין הַארְץ אִיז רֵיין.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ט:) אַז רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָּא: וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוֹיף קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ בַּאגְרִיסְן מַיין בְּרוּדֶער רַב בְּרוּנָא, "דְּאָדָם גָּדוֹל הוּא", וַוייל עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, "וְשָׂמֵחַ בְּמִצְוֹת", אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט. "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְּאוּלָּה לִתְפִלָּה וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ

יוֹמָא", אֵיין מָאל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי הֲלָכָה פוּן סוֹמֵךְ זַיין גְאוּלָה לִתְפִילָה אוּן זַיין שְׂמֵייכְל אִיז אִים נִישְׁט אַרָאפּ פוּן פָּנִים אַ גַאנְצְן טָאג; דָאס אִיז אַן אָדָם גָדוֹל, דֶער וָואס פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט אוּן מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה, וְוִי סְמִיכוּת גְאוּלָה לִתְפִלָּה הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג.

בֶּאֱמֶת פְרֶעגְן אַלֶע אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה (עַיֵּין תּוֹסֶפֶת, דִבּוּר הַמַתְחִיל "כָּל"): יֶעדֶער אִיז דָאךְ סוֹמֵךְ גְאוּלָה לִתְפִילָה, וָואס אִיז דִי רְבוּתָא פוּן רַב בְּרוּנָא "דְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא?!" נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י:) אַז חִזְקִיָהוּ הַמֶלֶךְ הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לִתְפִילָה, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי פְּשַׁט אִיז: "שֶׁגָּאַל אֶת הַתְּפִילָה מִן הַגָּלוּת", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי תְּפִלָּה פוּן גָלוּת; עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה אַז מֶען קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְאוּלָה. דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס רֶבִּי אִלְעָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר עוּלָא, "זִימְנָא חֲדָא סָמַךְ גְאוּלָה לִתְפִלָּה, וְלָא פָּסִיק חוּכָא מִפּוּמֵיהּ כּוּלֵיהּ יוֹמָא", עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַ גַאנְצְן טָאג וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה, דָאס מֵיינְט אַז עֶר הָאט סוֹמֵךְ גֶעוֶוען גְאוּלָה לִתְפִילָה.

דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיף שִׂמְחָה. וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אִיז נָאר וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע צָרוֹת. אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...